ער איז געפֿאָרן דעמאָלט דער דרײַצן־יאָריקער פּנחס און אויך גע־קוקט אַריבער דער דראַבינע אין דער ווײַט אַרײַן און אויך אַרויסגעקוקט אויף אַ גאולה־ברענגער און ניט געוווּסט, אַז אַ שוואַרץ־רויטער שאָטן באַגלייט דעם סקריפּענדיקן וואָגן איבערן ערב־שקיעהדיקן וואַלד, ווו די ביימער שטייען שוין ביז די קני אין דעם פֿלאַם פֿון האַרבסט — אין זייערע אייגענע בלעטער. — ער, פּנחס, וואָס וועט אין פֿינף יאָר אַרום ווערן אַ הייסער באָלשעוויק, אויפֿהייבן זײַן האַנט קעגן דעם קייסער, — און פּנחס האָט געהאַט מיטן קייסער ניט נאָר אַ סאָציאַלן, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלן חשבון: פֿאַרן תּחום־המושב, פֿאַר „די פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון", פֿאַר דער פּראָצענט־נאָרמע, פֿאַר די פּאָגראָמען, פֿאַרן בייליס־פּראָצעס.

און ער, פּנחס דער שלאָסער, וועט שפּעטער מיט לענינס נאָמען אויף די ליפּן, אונטער זײַן פֿאָן, אַרײַן מיט לײַב־און־לעבן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיך שלאָגן פֿאַר דער אַרבעטער־פּויערישער מלוכה, פֿאַר פֿרײַהייט און פֿרײַנדשאַפֿט צווישן פֿעלקער, גיין מיט דער ביקס אין האַנט קעגן אַלע שונאים פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע. און דערנאָך שפּעטער מיט יאָרן, וועט מען אים, פּנחסן, אין יענער אויגוסט־נאַכט צו־נעמען פֿון ווײַב און קינד, פֿונעם לעבן אַרויסרײַסן און אים פֿאַרשיקן אין בוכטאַ נאַגאַיעוואַ, אויפֿן צפֿון, אין דער אייביקער ווײַסער געפֿרוירנקייט און פֿון דאָרט דערנאָך טרײַבן ווײַטער, ברענגען אויף אַן אינדזל, שוין גאָר אָפּגעריסן פֿון דער לעבעדיקער וועלט, און אים פֿאַרשפּאַרן דאָרטן אין דער טורמע, ווו ס'ווערן געהאַלטן גאָר געפֿערלעכע „שונאים פֿון פֿאָלק", ווו מ'גיט צוויי מאָל אין טאָג איבערגעזאַלצענע פֿיש און איין מאָל אין מעת־לעת אַ טרונק וואַסער. אָבער אויך דאָרטן, אויפֿן אינדזל, אַרומ־גערינגלט מיט ים און פֿראָסט און זאַווייעס, ווו די פֿאַרקראַטעטע פֿענצטער זײַנען נאָך אויך מיט „דאַשקעס" פֿאַרשטעלט, ס'זאָל חלילה אין קאַמער ניט אַרײַן אַ שטראַל פֿון דער קאַלטער זון, אָדער אַ פֿונק פֿון דער איבער־געפֿרווירענער לבנה, שוין אַפֿילו דאָרטן, מיט דער צעשונדענער הויט און צעבראָכענע ביינער, נאָר אין די שוואַרצע אויגן האָט נאָך געברענט דאָס פֿײַער פֿון דער נשמה, יענער הײַליקער פֿײַער פֿון די זיידעס און אור־זיידעס, וואָס זײַנען מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ געגאַנגען אויף קידוש־השם. אויך דאָרטן, אין יענער טורמע אויפֿן אינדזל, שוין אָן כּוחות געבליבן, אַ צעווונדיקטער און צעווייטיקטער, האָט מען אים ניט געקאָנט אײַנברעכן: ער וועט ניט לייגן קיין איין פֿאַלשע חתימה, ניט לאָזן זיך שטעלן פֿאַר אַן „עדות", ווערן אַ מלשין און אַ מסור. האָט מען אים, פּנחסן בן־מאיר בן־אריה הכּהן, ניט געוואָרט אַפֿילו ביז ער וועט אַלײַן אומפֿאַלן, און אים דעם פֿאַרגלייבטן אין תּורת־לענין, צעשאָסן. און קיינער ווייסט ניט ווו זײַנע איבערגעבראָכענע ביינער געפֿינען זיך.